קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה

## מכ"ק מרן אדמו"ר זי"ע

## ראש השנה

יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שע"י קהל דברי יחזקאל
שינאווא

שנת תשפ"ד לפ"ק

· אידיש ·

כל הזכויות שמורות

בס"ד

מי שיש לו איזה הערות או הארות
נא לפנות אל המכון

יכולין להשאיר הודעה על הטעל.
845.459.5954

או לשלוח ע"י אימעיל
mechonshinova@gmail.com

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שע"י קהל דברי יחזקאל
שינאווא

# דברי כיבושין לפני תקיעת שופר

**- מרשימות אחד מהנוכחים -**

ובתוכו משולב קצת ביטוים **[באותיות בולטות]**, שנאמרו מתוך בכיות והתעוררות, בלשון קדשו בערך - עד כמה שיד הזכרון הגיע.

**עס** שטייט אין פסוק (תהלים פט, טז): **"אַשְׁרֵי הָעָם יֹדְעֵי תְרוּעָה ה' בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן"**.

**עס** איז באקאנט דער מדרש (ויק"ר כט, ד): **"וכי אין אומות העולם יודעים להריע וכו' אלא שהן מכירין לפתות את בוראן בתרועה והוא עומד מכסא הדין לכסא רחמים ומתמלא עליהם רחמים והופך להם מדת הדין למדת רחמים"** - דער מדרש פרעגט: צי דען קענען בלויז אידן בלאזן שופר, און די אומות העולם קענען נישט? פארוואס שטייט 'אשרי העם יודעי תרועה'? נאר דער פשט איז, "העם יודעי תרועה", אז אידן ווייסן וויאזוי איבערצובעטן דעם אייבערשטן דורך תקיעת שופר, אז ער זאל ווערן מלא רחמים אויף זיי.

**א) לכאורה** איז שווער אויף די הייליגע חכמינו ז"ל, ווי קען זיין אזא הוה אמינא אז די גוים קענען אויך בלאזן שופר? אידן זענען דאך מכוין אזעלכע גרויסע כוונות און זיי זענען ממתיק אזעלכע גרויסע המתקות, זיי זענען מבטל גזירות, נו, ווי קען מען אפילו קלערן אז די אומות העולם זאלן דאס קענען טון?!

**ב) און** אויב זאל מען זאגן, אז דער מדרש רעדט דא פון אזעלכע אידן וואס זענען אויף אזא נידריגע מדרגה, אז זיי ווייסן נישט קיין שום כוונות און קענען גארנישט אינזין האבן, נו, אויב אזוי, דארף מען דאך פארשטיין דעם תירוץ פונעם מדרש, אז זיי קענען מרצה זיין דעם בורא כל עולמים מיט זייער שופר בלאזן. וויאזוי מאכן זיי דאס אן קיין שום כוונות? וואספארא סוד ליגט דא, וואס בלויז אידישע קינדער קענען טון, און נישט די אומות העולם?

**ג) עס** שטייט דא אין פסוק דער לשון ׳העם׳ יודעי תרועה. געווענליך ווייסט מען דאך אז ׳עם׳ איז מרמז אויף די שוואכערע מדרגה פון אידן. דארף מען צו פארשטיין, וואס איז דא די כונה? זענען דען דוקא די פשוט׳ע אידן, די וועלכע קענען מרצה זיין דעם אייבערשטן מיט תקיעת שופר? עס איז דאך לכאורה פארקערט?

**ד) לויטן** מדרש אז ׳יודעי תרועה׳ מיינט, אז זיי בעטן איבער דעם אויבערשטן מיטן שופר, דארף מען פארשטיין דעם המשך פונעם פסוק: ״ה׳ באור פניך יהלכון״, אז אידן ווערן באלאכטן פונעם אור פונעם אייבערשטן? וואספארא שייכות האט דאס מיטן ענין פון ׳יודעי תרועה׳?

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. דער זיידע דער הייליגער דברי יחזקאל זכותו יגן עלינו זאגט אויפן פיוט: ״**מֶלֶךְ מְמַלֵּט מֵרָעָה לְיוֹדְעֵי תְּרוּעָה הָאֵ-ל קָדוֹשׁ. מֶלֶךְ זְכֹר אֲחוּז קֶרֶן לְתוֹקְעֵי לְךָ הַיּוֹם בְּקֶרֶן נוֹרָא וְקָדוֹשׁ**״. זאגט דער דברי יחזקאל, אז דא רעדט מען פון צוויי מדרגות. די ערשטע מדרגה איז ׳יודעי תרועה׳, דאס זענען צדיקים וואס זיי בלאזן שופר מיט געוואלדיגע כוונות און מיט דעם זענען זיי מבטל אזויפיל גזירות. און דעריבער זאגט ער ״**מלך ממלט מרעה ליודעי תרועה**״ - אז ווען מען איז זוכה צו האבן אזעלכע צדיקים מיט אזא תקיעת שופר, ווערט מען אודאי ניצול פון אלעם שלעכטן אין זייער זכות.

**די** צווייטע מדרגה איז ׳לתוקעי לך היום בקרן׳, דאס זענען אידן וועלכע ווייסן נישט קיין שום כוונה מכוין צו זיין, זיי זענען מקיים די מצוה מיט א פשטות - ווי דער דברי יחזקאל טייטשט דארט לפי דרכו - און אויף זיי איז מען מתפלל ׳זכור אחוז קרן׳. עס קען אפשר זיין לענינינו, אז ׳אחוז קרן׳ איז מרמז, אז די סארט אידן ווייסן גארנישט מער ווי די איינע זאך פון ׳אחוז קרן׳ - אנצוכאפן דעם שופר אין דער האנט און בלאזן! **זיי האלטן דעם שופר, זיי ווייסן נישט גארנישט וואס גייט דא פאר! זיי זענען נישט מרגיש! דאס הארץ איז פארשטאפט! עס איז בלויז ׳אחוז קרן׳ - מען האלט דעם שופר!** און אויף זיי איז מען מתפלל: ״**מלך זכור אחוז קרן לתוקעי לך היום בקרן**״, אז דער אייבערשטער זאל דאס אויך אננעמען לרצון.

**לכאורה** קען נישט זיין אז דער מדרש האט זיך באצויגן צו דער ערשטער מדרגה, ווייל אויף אזא סארט שופר בלאזן, וואלט אודאי נישט געווען קיין הוה אמינא בעולם אז די אומות העולם קענען דאס אויך צושטעלן. וואס ווייסן זיי דען פון די הייליגע כוונות? זיי ווייסן דאך גארנישט! נאר דער מדרש באציהט זיך דא צו דער סארט תקיעת שופר פון פשוט'ע אידן וואס ווייסן גארנישט קיין שום כוונה און קיין שום פנימיות, נאר זיי גייען צו מיט א פשטות: דער אייבערשטער האט געהייסן בלאזן - נעמען זיי דעם שופר אין דער האנט און זיי בלאזן. און אויף דעם איז שוין חלילה דא א הוה אמינא, ווייל אויף בלויז אנצוכאפן דעם שופר אין דער האנט - קענען דאך די אומות העולם אויך.

**נאר** לויט דעם ווערט טאקע צוריק שווער די מסקנא פונעם מדרש: "אלא שיודעין לרצות את בוראם בתרועה" - אויב ווייסט מען גארנישט קיין שום כונה, נו, וויאזוי קענען מיר מרצה זיין דעם בורא כל עולמים מיט אונזערע תקיעות - מיט עפעס א זאך וואס די אומות העולם קענען נישט? **אונז זעמיר דאך אזוי פארשטאפט, אזעלכע פארקלעמטע הערצער...**

**נאר** עס שטייט ביי משה רבינו (שמות ב, ו): "**וַתִּפְתַּח וַתִּרְאֵהוּ אֶת הַיֶּלֶד וְהִנֵּה נַעַר בֹּכֶה וַתַּחְמֹל עָלָיו וַתֹּאמֶר מִיַּלְדֵי הָעִבְרִים זֶה**". איז דאך לכאורה שווער, פון וואו האט בתיה בת פרעה געזען אז דאס איז א אידיש קינד? וואס האט זי דא געזען עפעס א סימן וואס ווייזט אז 'מילדי העברים זה'? און אויך דארף מען פארשטיין וואס רש"י הק' זאגט: "ותראהו - שראתה עמו שכינה", וואו איז דאס מרומז אינעם פסוק? נאר עס קען זיין, אז דאס זאגט טאקע דער פסוק "והנה נער בוכה", זי האט געזען וויאזוי ער פארגיסט א אידישע טרער - האט זי געזען אז דאס איז א אידיש קינד! **עס איז גארנישט דער סארט געוויין פון די אומות העולם!** ווייל ווען א איד וויינט, קומט ארויס דאס צובראכנקייט פון דער אידישער נשמה און עס ווערט דארט א 'השראת השכינה', און דאס האט זי געזען.



**דאס** ענטפערט דער מדרש: "**יודעין לרצות את בוראם בתרועה**" - 'תרועה' איז א לשון פון צובראכנקייט; ווי עס שטייט (תהלים ב, ט): "תְּרֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל". און אזוי זעט מען טאקע, אין דער גמרא (ר"ה לג:), אז דער 'קול תרועה'

איז א קול פון צובראכנקייט; ווי די גמרא זאגט דאס לשון: "גנוחי גנח וילולי יליל". דאס הייסט, אז כאטש מיר ווייסן טאקע נישט קיין שום כונה און קיין שום הויכע ענינים, אבער א צובראכן הארץ קענען מיר יא האבן און פארגיסן א טרער פארן בורא כל עולמים, און דורכדעם וועט ווערן השראת השכינה! **אידישע הערצער זענען צובראכן, מען בעט זיך ביי הקדוש ברוך הוא!** און דאס קענען נישט די אומות העולם! זיי קענען טאקע נעמען דעם שופר אין דער האנט און בלאזן, אבער ווי קענען זיי צושטעלן א אידישע טרער? ווי קענען זיי מרצה זיין דעם בורא כל עולמים מיט אזא מין תקיעת שופר וואס גייט צו מיט א קרעכץ און א טרער פארן בורא כל עולמים? דאס קענען נאר אידישע קינדער! **און דעמאלט ווערט לעכטיג!** און אזוי ארום קענען מיר איבערבעטן דעם אייבערשטן.

**דאס** וויל טאקע דער פסוק מדגיש זיין: "אשרי **העם** יודעי תרועה", וואויל איז פאר כלל ישראל, וואס אפילו די שוואכערע מדרגה וועלכע קענען נישט מכוין זיין קיין שום כונה - זענען אויך אין דער מדרגה פון 'יודעי תרועה', נישט דורך זייערע כוונות, נאר דורך זייערע טרערן און צובראכן הארץ, וואס **א איד ווערט יעצט נתעורר און לאזט א טרער: "פארוואס האב איך אנגעברענגט אזא יאר? פארוואס האב איך נישט געהאט קיין שכל?"**. און דאס איז דער ענין פונעם 'תרועה'.

**דאס** קען זיין דער המשך פונעם פסוק: "ה' באור פניך יהלכון". ווייל עס איז דאך ידוע פון ספרים הקדושים (עי' אור החיים הק' שמות לג, יד), אז דער ענין פון 'השראת השכינה' ווערט אנגערופן 'אור פני ה''. ממילא זאגט דער פסוק, דורכדעם וואס אידישע קינדער גייען צו צום שופר בלאזן מיט א צובראכן הארץ און מ'פארגיסט טרערן, זענען זיי זוכה צום "ה' באור פניך יהלכון", דאס הייסט, זיי זענען זוכה צו 'השראת השכינה'.

**עס** קען זיין, אז די 'השראת השכינה' וואס בתיה האט געזען ביי משה, איז דער זעלבער ענין ווי דאס וואס שטייט אויבן ביי יוכבד (שמות ב, ב): "וַתֵּרֶא אֹתוֹ כִּי טוֹב הוּא", זאגט רש"י: "כשנולד נתמלא הבית כולו אורה", וואס 'אורה' ווייזט אויף השראת השכינה; ווי מען האט גערעדט, און 'טוב'

ווייזט אויך אויף ׳השראת השכינה׳ כידוע. ווען בתיה האט געזען אז ער וויינט, האט זי געזען דארטן דעם ׳אור כי טוב׳, די ׳השראת השכינה׳.

**ממילא** איז יעצט טאקע א זמן, פון ׳דבר בעתו מה טו״ב׳. אז מען שטייט פאר תקיעת שופר, **זאל מען זען נישט צו זשאלעווען קיין טרערן! לאמיר זיך אויסגיסן דאס הארץ פארן הייליגן באשעפער דער גרויסער בעל הרחמים!** יעצט איז דער זמן, **רבותי! דער אייבערשטער דער יודע מחשבות ווייסט דאך, אז יעדן איד טוט וויי דער מצב זיינער! יעדער איד וואלט געוואלט נתקרב ווערן, ובפרט אין אזא טאג, די הערצער זענען צובראכן, רבותי, מיט א טרער פארן הייליגן באשעפער קען מען געהאלפן ווערן!**

**יעדער** איד זאל זיך זען מתבונן צו זיין, און זיך בעטן ביים הייליגן באשעפער: **״דו האסט דאך אונז געגעבען אזא טאג און אזא מינוט, אזא הייליגע מצוה, גיב אונז אויך אריין א הארץ! לב טהור ברא לי אלקים״.**

**רבותי, לאמיר זיך נעמען אין די האנט אריין! דער אייבערשטער איז ׳שומע תפלת כל פה׳ פון יעדן איינציגן איד! עס האט דאך נישט קיין שיעור און קיין ערך א תפלה פון א איד, פון יעדן איד אין וועלכען מצב ער זאל נאר זיין!**

**על** כל פנים, בעטן מיר זיך יעצט, דער אייבערשטער זאל העלפן, **מיר זאלן זוכה זיין צו א הרהור תשובה, אז מ׳זאל מיר קענען דאוונען און זאגן דיבורים פארן אייבערשטן מיט א שטיקל הארץ, כאטשיג א שטיקל הארץ, מיר זאלן אלע זוכה זיין צו א נחת׳דיג יאר, צו א שנת ישועה ברוחניות ובגשמיות, א שנת תשובה, און און עס זאל שוין טאקע זיין דער שנת גאולה, אז דאס גאנצע כלל ישראל זאל שוין געהאלפן ווערן.**

**לאמיר** צוזאמען שרייען צום אייבערשטען: **״מִן הַמֵּצַר קָרָאתִי י-ה עָנָנִי בַמֶּרְחָב י-ה״.**

ראש השנה אין שטוב...

**הרה"ק** ר' משה'לע ראזוואדאווער זי"ע האט געזאגט: "ווען מען וואלט ווען געוואוסט ווי וויכטיג עס איז צו זיין שבועות ביי א רבי'ן - וואלטן די רבנים אין די שטעט נישט געהאט קיין מנין. און אויב מען וואלט געוואוסט ווי וויכטיג עס איז צו זיין אין שטוב ראש השנה - וואלטן די רבי'ס נישט געהאט קיין מנין".

'זיך' פארקוקן...

**איידער** די הייליגע טעג איז אמאל אריינגעקומען צום רבי'ן זכרונו לברכה, א רב וועלכער האט געדאווענט פארן עמוד ביי זיך אין בית המדרש, האט יענער רב געזאגט פארן רבי'ן, אז ער דארף זיך נאך פארקוקן דאס מחזור. האט דער רבי געזאגט: "דאס מחזור איז די זעלבע ווי פאראיאר, מען דארף 'זיך' פארקוקן!".

תקיעת שופר דרשה פון הרה"ק מקאלאשיץ זי"ע

**דער** הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע האט אמאל געזאגט פאר תקיעת שופר אייןווארט: "מיט אהבת ישראל קען מען גיין הויך, הויך, הויך עד אין סוף!", דאס איז געווען די גאנצע דרשה.

געלערנט בני יששכר בעפאר תקיעת שופר

**דער** הייליגער צאנזער רב זי"ע האט אמאל געלערנט דעם ספר בני יששכר, איידער ער איז געגאנגען צו תקיעת שופר. האבן די ארומיגע זיך

אביסל געוואונדערט דערויף, ווייל זיי זענען דאך געווען בערך אין די זעלבע יארן. האט דער צאנזער רב זיך אנגערופן: "איך לערן נאר אין ספרים פון בעלי רוח הקודש".

רחמנא אמר תקעו

**דער** שווער זכרונו לברכה (הגה"צ מוואודיסלאב זצ"ל) פלעגט אסאך מאל שמועסן פון דעם חילוק צווישן די אמאליגע דורות ביז צו די היינטיגע דורות. האט ער געזאגט אזוי: "אמאל פלעגן זיין '**סוחרים**', וואס ביי תקיעת שופר '**האבן זיי געהאנדלט**". (דאס הייסט, צדיקים וואס האבן געהאט א דעה אויבן אין הימל, און האבן געקענט האנדלען ממתיק צו זיין דינים און מבטל זיין גזירות).

**שפעטער** איז שוין געווארן א שוואכערע וועלט, עס איז שוין נישט געווען קיין סוחרים וואס האנדלען, אבער זיי האבן כאטש געוואוסט '**איבער וואס עס האנדלט זיך**'. און אז מען ווייסט איבער וואס עס האנדלט זיך - איז שוין אויך א מדרגה.

**נאך** שפעטער, איז שוין דאס אויך נישט געווען, אבער זיי האבן כאטש געוואוסט '**אז עס האנדלט זיך**'. אבער היינט - האט ער אויסגעפירט - מיט א קרעכץ - '**ווייסט מען אפילו נישט אז עס האנדלט זיך**'.

**דער** פאלטישאנער רב ז"ל פלעגט זאגן בעפאר די הייליגע טעג: "מיר גייען שפילן ראש השנה". וואס איז דער פשט פון 'שפילן ראש השנה'?.

**נאר** עס קען זיין אז דאס ליגט אין דער גמרא (ר"ה ט"ז): "**למה תוקעין, רחמנא אמר תקעו**". לכאורה וואס איז דא די קושיא און וואס איז דער תירוץ? נאר עס קען זיין, אז די גמרא פרעגט, אויב מיר זענען נישט משיג די ערנסקייט פון די הייליגע טעג און מיר ווייסן בכלל נישט אז עס האנדלט זיך, נו, וואספארא שייכות האבן מיר מיטן ענין פון תקיעת שופר? עס זעט דאך אויס ווי א שפיל?

**אויף** דעם ענטפערט די גמרא: "**רחמנא אמר תקעו**" - דער אייבערשטער וויל, אז אפילו אין אזא מצב וואס מען ווייסט גארנישט, און עס קוקט

אויס ווי א שפיל, דאך זאגט די תורה: בלאז! יא, שפיל דעם שפיל פון ראש השנה! און אז מען טוט דעם רצון ה׳ מיט א תמימות לשם שמים איז נישטא קיין גרעסערס דערפון. עס איז נישט קיין חילוק צי דו ווייסט יא די סודות אדער נישט, דער עיקר איז ׳רחמנא אמר תקעו׳.

**און** דאס איז, וואס מיר דארפן וויסן, אז אפילו אויב מיר שפירן נישט די קדושה פון די טעג און מיר ווייסן נישט וואס עס טוט זיך אלץ אפ אין אזעלכע טעג, דארפן מיר טון דאס וואס מיר האבן צוגעזען ביי די פריערדיגע צדיקים און אונזערע עלטערן, זאגן תהלים און סליחות, מרבה זיין בצדקה און אזוי ווייטער, און זיי, די צדיקים הקודמים, וועלן שוין האנדלען פאר אונזערט וועגן.

**מען** קען אפשר זאגן, אז דאס גופא וואס מיר ווייסן כאטש, אז מיר ווייסן נישט אז עס האנדלט זיך - איז שוין אויך עפעס א חשיבות. ווייל עס וואלט דאך געקענט זיין נאך ערגער, אז מיר זאלן זיך גאר איינרעדן אז מיר ווייסן יא אז עס האנדלט זיך, אדער אז מיר זאלן נישט וויסן, אז עס איז דא עפעס וואס מיר ווייסן נישט. אבער וויבאלד מען ווייסט, אז בעצם וואלט מען וועו יא געדארפט וויסן אז עס האנדלט זיך, און מען ווייסט דעם אמת, אז ליידער ווייסן מיר גארנישט און מ׳איז צובראכען דערפון, דאס אליינס איז שוין אויך א גרויסע זאך.

**מרשימות של הרב יואל יצחק קרויס בן הרב ר׳ ישעי׳ שליט״א נכד ידידינו הבלתי נשכח הרה״צ רבי אברהם משה ז״ל מטאפלאטשאן, תשח״ח לו.**

א פרייליכע תקיעת שופר – התרת הספיקות

**די** גמרא זאגט (ראש השנה ל״ג) אז מען ווייסט נישט וואספארא סארט קול די תרועה איז, צי דאס איז ׳גנוחי גנח׳ אדער ׳ילולי יליל׳, און דעריבער דארף מען בלאזן ביידע קולות סיי ׳שברים׳ (תש״ת), און סיי ׳תרועה׳ (תר״ת) און סיי ביידע אינאיינעם (תשר״ת).

**דער** רמב״ם זאגט (שופר ג, ב) ׳תרועה זו האמורה בתורה נסתפק לנו בה ספק לפי אורך השנים ורוב הגלות ואין אנו יודעין היאך היא׳. אז באלד נאך

מתן תורה האט מען יא געוואוסט קלאר וויאזוי צו בלאזן, נאר במשך השנים איז עס פארגעסן געווארן. לכאורה איז שווער, וואס איז די סיבה אז אזא גרויסע זאך ווי תקיעת שופר, וואס דאס איז דאך א מצוה דאורייתא, האט מען אזוי געפירט פון הימל, אז עס זאל פארגעסן ווערן?!

**עס** קען זיין אז דער ענין איז אזוי, מען ווייסט דאך דעם כלל וואס דער בני יששכר (סיון ה׳, י״ג) ברענגט פונעם רמב״ם: **״מי שלא טעם טעם התרת הספיקות לא טעם שמחה מימיו** - די גרעסטע שמחה איז אויב א מענטש האט געהאט א ספק, און שפעטער גייט ער ארויס פונעם ספק, דעמאלט איז די שמחה זייער גרויס. ממילא קען זיין, אז פון הימל האט מען געוואלט, אז תקיעת שופר זאל צוגיין מיט א שמחה, און דעריבער האט מען צוגעפירט אז מען זאל פארגעסן וויאזוי מען בלאזט א ׳תרועה׳, כדי מ׳זאל האבן א ספק וויאזוי מען קען יוצא זיין די מצוה, און שפעטער ווען מען בלאזט אלע סארטן קולות (תשר״ת, תש״ת, תר״ת) גייט מען דאך ארויס פונעם ספק ווייל אזוי ארום האט מען דאך שוין זיכער יוצא געווען, ווערט דאך א ׳שמחה׳ פון ׳התרת הספיקות׳ און אזוי איז מען מקיים מצות תקיעת שופר בשמחה.

**פ׳ נצבים תשפ״א - מרשימות של הרב יואל יצחק קרויס בן הרב ר׳ ישעי׳ שליט״א נכד ידידינו הבלתי נשכח הרה״צ רבי אברהם משה ז״ל מטאפלאטשאן, תשח״ח לו.**

בעזהשי"ת

# וועד להוצאת ספרי רבינו זצוק"ל


שע"י קהל דברי יחזקאל שינאווא - מאנסי נ.י. יצ"ו



הגה"צ רבי **חיים מאיר וואגשאהל**
**נשיא**

הרב **דוד שלמה לאוב**
**יושב ראש**

**חברי הוועד**
הר"ר **טובי' אביגדור פעלדמאן**
הר"ר **ישראל יעקב פרענקל**
הר"ר **משולם איסר קעסטענבוים**


שלומים מרובים לכל אנ"ש וידידינו הע"י.

נבקש בזה מכל או"א מי שיש לו איזה דברי תורה, סיפורי צדיקים וכד' בכתב או בטעיפ מכ"ק מרן רבינו זיעועכי"א שיואיל בטובו למסור לנו העתק כדי שנוכל לסדרם כולם בפונדק אחד ולהדפיסם בסדר נאה ומסודר, ובודאי יהי' נייחא לנשמתו הק'.

כידוע, **הכרת הטוב** הי' ממדתו של רבינו זיעועכי"א ובודאי יעמוד זכותו הגדול לכל אחד העוזר ומסייע להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב, ונזכה להכתב בספרן של צדיקים ולשנת גאולה וישועה בכו"פ בגו"ר בב"א.

**הוועד**

**יכולין להשאיר הודעה על הטעל. 845.459.5954**

**או לשלוח ע"י אימעיל mechonshinova@gmail.com**